# פרשת ויצא א׳ – ז׳ כסלו תשע״ח לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **משה פריימאן** הי״ו (מאנסי). אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט״א** אצל סעודת ראש חודש ביחד עם תלמידי ישיבתנו הק׳ **׳נועם התורה׳**, שהתקיים בבית מדרשנו בוומסב״ג. אחר שנשמעו דברי תורה מהר״י הרה״ג רבי **יואל גרובער** שליט״א, ומאת הרה״ג רבי **יוסף ראזענבערג** שליט״א ר״מ בישיבה, השמיע **רבינו שליט״א** דברות קודש. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט״א** את הרב **יהודא באדאנסקי** שליט״א.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען אויף א סעודת ראש חודש צוזאמען מיט די תלמידי הישיבה, וואס זיי זענען די יששכר׳ס פון די ישיבה, און ב״ה עס נעמען אנטייל אויך די זבולן׳ס פון די ישיבה, וואס העלפן צו אז די בחורים זאלן קענען זיצן און לערנען. מען האט געזינגען, כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו, דאס איז געזאגט געווארן פאר די בחורים, און נאכדעם האט מען צוגעגעבן א ברכה פאר די זבולן׳ס, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר. די גרעסטע חשיבות פון בעלי בתים איז, צו פארשטיין וואס תורה איז, צו טון אלעס אז עס זאל קענען נתרבה ווערן תורה אויף די וועלט.

*

**איך** וועל אנהייבן מיט א מילתא דבדחותא, מען האט פריער געהערט ווי אזוי דער חשוב׳ער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט ווי פלייסיג די בחורים לערנען. דער חשובער מגיד שיעור רבי יוסף האט ארויסגעברענגט דעם טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, אז עשירים און מיליאנערן האבן נישט קיין סיפוק אינעם לעבן, נאר די וואס זיצן און לערנען האבן א סיפוק אינעם לעבן.

**מען** דערציילט נאך, אז אן עושר איז אמאל אריינגעקומען צו **רבי חיים קניבסקי זאל זיין געזונט**, און ער האט אים געזאגט, אז ער האט געקויפט א נייע קאר, וואס איז ווערט זייער אסאך געלט, און ער האט מורא אז מען וועט אים מקנא זיין, און עס וועט אים שאדן אן עין הרע, וויל ער בעטן פון אים א ברכה, און א סגולה, אז עס זאל נישט שאטן קיין עין הרע אויף די נייע קאר וואס ער האט געקויפט. [מן הסתם האט ער נישט געדארפט האבן אזוי שטארק די ברכה און די סגולה, ער האט נאר געוואלט מודיע זיין וואס פאר א גרויסער עושר ער איז, אז ער האט געקויפט א נייע קאר]. האט אים רבי חיים געפרעגט, וויפיל מסכתות האסטו שוין מסיים געווען? זאגט ער, קיין איינס. זאגט אים רבי חיים, דו דארפסט נישט מורא האבן, קיינער איז דיך נישט מקנא, און קיינער וועט דיר נישט געבן קיין עין הרע. דיין קאר איז גארנישט, דארפסט נישט מורא האבן!

**קנאה** איז נאר דא ביי תלמידי חכמים, וואס דאס איז דער אמת׳דיגער קנאה, קנאת סופרים תרבה חכמה (ב״ב כא.). כי הם חיינו ואורך ימינו, עס איז נישט דא עפעס אנדערש אויף די וועלט נאר תורה הק׳, ביי תלמידי חכמים איז דא וואס מען זאל זיי מקנא זיין, און זיי היט דער אייבערשטער אז עס זאל נישט שולט זיין אויף זיי קיין עין הרע.

*

**די** פאריגע וואך אין די פרשה דערציילט די תורה די לידה פון עשו מיט יעקב. וואס פון דעם האט זיך אפגעשיידט א גאנצע וועלט, ושני לאומים ממעיך יפרדו (כה-כג). פון יעקב איז ארויסגעקומען דער כלל ישראל, וואס זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטן. און פון עשו איז ארויסגעקומען, אן אנדערע חלק פון די וועלט, וואס האבן נישט קיין שייכות צו תורה און צו עבודת ה׳. און עס האט זיך אנגעהויבן תיכף ביי יעקב מיט עשו. ווען די תורה מאלט אפ עשו, זאגט דער פסוק אז עשו איז געווען א איש יודע

ציד איש שדה, און יעקב איז געווען א איש תם יושב אוהלים (כה-כז). וואס יעקב איש תם יושב אוהלים איז, ווייסן מיר אלע. כל ימיו איז יעקב געזעסן באהלה של תורה און געלערנט. ער איז געווען יושב אוהלים, באוהל שם ועבר, אהלי של יצחק, ער איז געזעסן און געלערנט תורה. עשו איז נישט געזעסן אין בית המדרש, ער איז געווען א יודע ציד, ער האט געקענט פאנגען, און א איש שדה, א פעלד מענטש. פארוואס זאגט די תורה אויף עשו, אז ער איז געווען איש יודע ציד, און יעקב איז א איש תם יושב אהלים, וואס איז דער ווארט 'איש' בייביידע, עס וואלט געדארפט צו שטיין ויהי עשו יודע ציד, און יעקב איז געווען א תם יושב אוהלים, וואס איז דער 'איש' ציד, און דער 'איש' תם יושב אוהלים?

**דער** חילוק צווישן עשו און יעקב איז נישט נאר, אז עשו איז געווען א רשע, און יעקב איז געווען א צדיק, נאר עס איז צוויי ערליי סארטן מענטשן. **א בן תורה, ווי יעקב, וואס זיצט און לערנט, איז נישט נאר זיין מדריגה אז ער איז א בן תורה, בשעת ער געפינט זיך אין בית המדרש ביי שם ועבר, און ער זיצט און לערנט, נאר זיין גאנצער מהות איז תורה. ווען ער גייט ארויס פון בית המדרש איז ער תורה'דיג. בשעת ער זעצט זיך עסן, עסט ער אזוי ווי א ערליכער יוד עסט. בשעת ער רעדט, רעדט ער ווי א ערליכער יוד רעדט.** עס איז נישט דער ווארט אז ער איז א תם יושב אוהלים, דאס איז זיין גאנצע מעלה. נאר ער איז א 'איש' תם יושב אוהלים, דער תם יושב אוהלים איז געווען דער מהות פון יעקב. דער מהות פון יעקב איז געווען תורה'דיג, בשעת ער איז געזעסן און געלערנט איז ער אוודאי געווען תורה, נאר אפילו ווען ער ענדיגט דאס לערנען, ער גייט ארויס פון בית המדרש, און ער גייט אהיים פרייטאג אדער שבת, אלץ האט זיך דערקענט אז דאס איז א בן תורה וואס זיצט און לערנט.

**מען** זעהט ווען יעקב אבינו האט געוואלט מקבל זיין די ברכות, האט ער געוואלט אויסנארן דעם טאטען אז ער איז עשו, האט ער זיך פארשטעלט ווי עשו. ווי אזוי האט ער זיך פארשטעלט? מען האט אים געגעבן אן עצה אז ער זאל אנטון די בגדי עשו, און ווען דער טאטע וועט אים טאפען, וועט אים דער פאטער נישט דערקענען. דער עשו האט דאך אבער א אנדערע קול ווי יעקב, וואלט דאך געדארפט לכאורה יעקב ארייננגיין, און פראבירן נאכצומאכן די מערסטע וואס ער קען, די וועג ווי אזוי עשו רעדט. אבער ער האט נישט נאכגעמאכט, ער האט ווייטער גערעדט אזוי ווי יעקב. און יצחק האט זיך טאקע גע'חידוש'ט, הקול קול יעקב והידים ידי עשו (כז-כב). פארוואס האט יעקב נישט פרובירט נאכצומאכן אויך דעם קול פון עשו?

**די** תירוץ דערויף איז, ווייל יעקב קען נישט רעדן ווי עשו. אפילו ער זאל וועלן, קען ער עס נישט טון. דער וועג ווי אזוי א ערליכער יוד רעדט, איז נישט די זעלבע וועג ווי אזוי עשו רעדט. ער קען אים נאכמאכן אז ער זאל זיך אנטון א בגד, ער קען נאכמאכן ער זאל אויסקוקן אזוי ווי עשו, און אלעס צוגרייטן ווי עשו טוט, אבער די שפראך קען נישט זיין די זעלבע. עס איז קול קול יעקב, זיין שפראך בלייבט די זעלבע. ווען עשו קומט אריין זאגט ער, יקום אבי ויאכל מציד בנו (כז-לא), און ווען יעקב קומט אריין, זאגט ער קום נא שבה (כז-יט), איך בעט דיך טאטע, זעץ זיך אויף, איך וויל דיר געבן צו עסן. יצחק האט געוויסט אז עשו רעדט נישט אזוי צום טאטען, ווען עשו קומט אריין זאגט ער יקום אבי, אבער יעקב קען נישט זאגן יקום אבי, ער קען נישט די שפראך, ער קען עס נישט זאגן, ווייל דאס איז טייטש א בן תורה. א בן תורה איז, וואו ער גייט און וואו ער שטייט, איז ער דער זעלבער בן תורה.

**עשו** איז נישט נאר א יודע ציד איש שדה, עס קען זיין א ערליכער יוד וואס דארף אויך אמאל ארויסגיין אויפן פעלד, ער דארף אויך אמאל פאנגען ער זאל האבן וואס צו עסן, ער דארף אויך אמאל ברענגען פרנסה, אבער נישט דאס איז זיין מהות, זיין מהות איז תורה. דער מהות פון עשו איז, איש יודע ציד איש שדה, דאס איז דער עשו. אפילו ווען ער זיצט אין בית המדרש, ער קומט יא אריין לערנען, בלייבט ער אויך נאך א איש יודע ציד איש שדה. דאס איז די חשיבות

פון תורה, תורה איז דער טייטש אז א איד לערנט תורה, און די תורה ארבעט אים אויס, ער ווערט אן אנדערער סארט מענטש, ער איז נישט דער זעלבער איש. עשו איז געווען א איש יודע ציד איש שדה, אפילו ווען ער זאל זיצן אין בית המדרש איז אויך זיין מהות 'א מענטש וואס איז יודע ציד', און יעקב אפילו ווען ער איז נישט אין בית המדרש, איז ער אויך א איש תם יושב אוהלים. א יוד וואס זיצט און לערנט תורה, טוט אים די תורה אוסארבעטן און אויסאיידלען, אז ער איז נישט דער זעלבער מענטש, ווי איינער וואס לערנט נישט קיין תורה.

*

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, אז יעקב האט זוכה געווען צו אזעלכע הויכע מדריגות. דער אייבערשטער האט זיך באוויזן פאר אים אין חלום, והנה ה' נצב עליו, דער אייבערשטער כביכול שטייט אויף אים, און דער באשעפער רעדט צו אים, און זאגט אים אזעלכע גוטע זאכן. איך וועל דיך אפהיטן אויף דעם וועג וואו דו גייסט, און איך וועל דיך קיינמאל נישט איבערלאזן. ויקץ יעקב משנתו, יעקב שטייט אויף, ויאמר אכן יש ה' במקום הזה, ואנכי לא ידעתי (כח-טז). דאס איז געווען זיין ערשטע רעאקציע צו דעם גרויסע מראה וואס ער האט געזעהן. דא בין איך געשלאפן?! אויף אזא פלאץ שלאפט מען?! אכן יש ה' במקום הזה, דער אייבערשטער געפינט זיך דא, עס איז א מקום המקדש, ואנכי לא ידעתי, אלמלי ידעתי, ווען איך וואלט געוואוסט, לא ישנתי, וואלט איך דא נישט געשלאפן.

**איך** מיין אז ווען מיר וואלטן געהאט אזא חלום, מען זעהט מלאכי אלקים עולים ויורדים בו, והנה ה' נצב עליו, און דער אייבערשטער זאגט די אלע גוטע זאכן, איך וועל דיך אפהיטן, און איך וועל דיך געבן אלעס וואס דו דארפסט האבן, די ערשטע זאך וואלטן מיר אויפגעשטאנען, און געזאגט, הא, ברוך ה', עס איז געווען א גרויסער חלום, דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען פאר אונז. און נאכדעם וואלט מען געזאגט, אפשר טאקע עס וואלט נישט געפאסט דא צו שלאפן, אבער דאס וואלט געווען די צווייטע מחשבה, קודם וואלט מען געווען זייער צופרידן פון וואס דער חלום איז געווען. יעקב איז נישט אזוי, ויקץ יעקב משנתו, יעקב איז אויפגעשטאנען, האט ער גלייך געזאגט, ווי קומט עס צו מיר אז איך בין געשלאפן אויף אזא פלאץ וואו איך וואלט נישט געדארפט צו שלאפן. דאס איז דער יעקב, יעדע זאך איז ביי אים אויסגערעכענט. אלמלי ידעתי, ווען איך וואלט ווען געוואוסט, לא ישנתי, וואלט איך ווען נישט געשלאפן.

**איך** מיין אז אסאך מענטשען וואלטן געגאנגען שלאפן אויף א פלאץ וואו מען דארף נישט, ווען ער זאל וויסן אז דער אייבערשטער גייט זיך מגלה זיין צו אים, און ער גייט אים איבערגעבן אזא גרויסע הבטחה ווי ער האט אים געזאגט. נישט נאר ער וואלט נישט חרטה געהאט וואס ער איז געשלאפן, נאר ער וואלט נאך געהאלטן אז עס קומט זיך מיר אז איך זאל גיין שלאפן. איך האב שוין אזויפיל געטון פארן אייבערשטן, איך זיץ שוין דריי און זעכציג יאר אין בית המדרש און איך לערן, און איך האב יעצט אוועקגעגעבן נאך פערצן יאר אין בית המדרש פון שם ועבר, איך שלאף שוין נישט אין קיין בעט פערצן יאר, וישכב במקום ההוא, איך האב קרעדיט ביים רבונו של עולם, איך מעג מיך שוין ערלויבן צו שלאפן אפילו אויף דעם פלאץ. דער אייבערשטער וועט מיר מוחל זיין, איך האב שוין גענוג געגעבן פארן רבונו של עולם. אבער יעקב זאגט נישט אזוי, אלעס איז מיט א חשבון הנפש, ווען ער שטייט אויף זאגט ער, אלמלי ידעתי, ווען איך וואלט ווען געוויסט אז דאס איז דער מקום המקדש, בין איך מוחל אויף אלעס. איך וועל נישט טון א זאך וואס פאסט נישט צו טון פארן אייבערשטן, אפילו דורך דעם וועל איך מוזן מוותר זיין די גרויסע הבטחות וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן. דאס איז דער מהות פון יעקב, יעקב איז א איש תם יושב אוהלים, וואו ער גייט און וואו ער שטייט, איז ער אלץ צוגעבינדן צו די תורה הק'.

*

**די** וועלט זאגט, ווען א קינד ווערט בר מצוה, רופט מען אים אן א 'בר מצוה', און ווען איינער זינדיגט, רופט מען אים אן, אז ער איז א 'בעל עבירה'. פארוואס דא רופט מען אים אן אז ער איז א 'בר' מצוה, מען זאגט נישט אז ער איז א 'בעל' מצוה. און ביי אן עבירה זאגט מען נישט אז ער איז א 'בר' עבירה, נאר מען רופט אים א 'בעל' עבירה.

**א** 'בר' איז אויך טייטש א 'זון', און א 'בעל' איז אויך טייטש א 'מאן'. עס איז דא צוויי אופנים ווי אזוי צוויי מענטשן זענען צוגעבינדן איינס מיט דאס אנדערע. א טאטע מיט א זון איז צוגעבינדעו, און א מאן מיט די בני בית איז צוגעבינדען. דער חילוק איז, אז א טאטע מיט א זון זענען אזוי צוגעבינדען, אז זיי קענען זיך קיינמאל נישט צוצוטיילן. אפילו מען וועט זיך צוטיילן אינעם גוף, דער טאטע וואוינט דא און ער וואוינט דארטן, און אפילו מען זאל זיך צוקריגן, אבער א טאטע מיט א זון בלייבן זיי שטענדיג. עס איז נישט שייך מען זאל קענען אפטיילן דעם טאטען מיט א קינד. א מאן מיט זיין ווייב, אפילו מען איז צוגעבינדן, קען מען זיך אבער אפטיילן, עס איז דא א גט וואס מען קען זיך צוטיילן שפעטער.

**א** יוד וואס איז צוגעבינדן צום אייבערשטן, איז א 'בר' מצוה, ער איז א קינד פון די מצוה, ער איז א קינד צום אייבערשטן, ער איז שטענדיג צוגעבינדן צו תורה וואס מען קען אים נישט אפטיילן פון תורה. א יוד וואס איז באשאפן געווארן, איז באשאפן געווארן אז זיין גאנצער מהות זאל זיין תורה, און עס איז נישט שייך זיך אפצוטיילן, ווייל אף על פי שחטא, ישראל הוא (סנהדרין מד.), אפילו ער זאל טון וואס ער וויל, גייט ער נישט אוועק פון בנים אתם לה' אלקיכם (דברים יד-א), אפילו חוטאים, אפילו שוגגים, אפילו מזידים, בנים אתם לה' אלקיכם, מיר בלייבן קינדערביים אייבערשטן, עס איז א 'בר' מצוה. אבער ווען איינער פאלט אוועק, און ער זינדיגט, און ער טוט אן עבירה, יעצט איז ער טאקע א 'בעל' עבירה, אבער א בעל קען זיך אפטיילן פון די עבירה, ער האט א מעגליכקייט צוריקצוקומען און תשובה טון. - דאס איז דער מהות פון יעקב, יעקב איז א איש תם יושב אוהלים ער איז א 'בר', ער איז צוגעבינדן צו די תורה הק', און די תורה טוט זיך קיינמאל נישט אפטיילן פון אים, וואו ער גייט און וואו ער שטייט, איז ער צוגעבינדן צו די תורה.

*

**יעקב** האט געזאגט, אנכי עשו בכורך (כז-יט). די מפרשים פלאגן זיך צו פארענטפערן, ווי אזוי ער האט געזאגט אנכי עשו בכורך, ער איז דאך נישט געווען עשו, ער איז דאך געווען יעקב. עס קען זיין, עשו ווערט אנגערופן עשו, ווייל עשו איז טייטש עָשׂוּ, פארדעם האט מען אים גערופן עשו, ווייל ווען ער איז ארויסגעקומען איז ער געווען געפארטיגט, אינגאנצען אנגעפולט מיט האר אזוי ווי אן ערוואקסענער מענטש, ויקראו שמו עשו, עָשׂוּ, ער איז פארטיג. יעקב האט מען אנגערופן יעקב, ווייל ידו אוחזת בעקב עשו.

**דער** חילוק צווישן א יוד און א גוי איז, א גוי ארבעט נישט אויף זיינע מדות און אויף זיינע מעשים, אז ער זאל זיך טוישן פון וואס ער איז. **יעדער מענטש ווען ער ווערט געבוירען, עיר פרא אדם יולד** (איוב יא-יב), **ווערט ער באשאפן אזוי ווי א ווילדע חיה. ווען מען זאל לאזן א מענטש אויפוואקסן אזוי ווי ער איז, קוקט ער אויס אזוי ווי די גוים אויף די גאס, עס איז ממש ווי חיות טורפות אויף די גאס, וואס אלמלא מוראה של מלכות, איש את רעהו חיים בלעו** (אבות ג-ב), **ווען נישט די מוראה של מלכות, וואלט מען נישט געקענט אדורכגיין אינדרויסן אויף די גאס, זיי זענען חיות. א יוד, ווען ער זאל נישט זיצן און לערנען תורה, וואלט ער אויך אזוי אויסגעקוקט. אבער ווען ער לערנט תורה, טוט אים די תורה אויסאיידלען, און ער ווערט אן אנדערער סארט מענטש, אן אנדערע סארט בריאה פון וואס ער איז באשאפן געווארן. מען נעמט א קינד וואס איז נאך נישט אויסגעוואקסן אין תורה, און מען קוקט אים אן צוואנציג יאר שפעטער, וואס פון אים איז אויסגעוואקסן, איז אינו דומה זיינע מדות און זיין גאנצע געשטעל, עס איז א אנדערע געשטעל פון וואס ער איז**

**געווען פריער.** א גוי איז נישט אזוי, ער איז געווען א קליינער גוי, יעצט איז ער א גרויסער גוי, ער איז פארדעם געווען א קליינע בהמה, און יעצט איז ער א גרויסע בהמה, עס האט זיך גארנישט געטוישט אין אים, ער איז געבליבן דער זעלבער בהמה. א יוד ווערט געטוישט פון וואס ער איז געווען פריער, דורכדעם וואס מען זיצט און מען לערנט תורה, תורה טוט מעדן זיין, עס טוט אויסאיידלען דעם מענטש וואס לערנט תורה.

**עשו** איז עָשׂוּ, אזוי ווי ער איז באשאפן געווארן אזוי איז ער פערטיג. ער איז נאר פארדעם א קליין קינד, און ווען ער וועט ווערן גרעסער און גרעסער, וועט זיין מדות טורפות וואס ער האט אין זיך, זיין בהמה'ישקייט און זיין חיה'ישקייט בלייבן מיט אים, ער איז פארטיג, עס וועט זיך ביי אים גארנישט טוישן. די גמרא (ב"ק סה:) זאגט, שור בן יומו קרוי שור, א אקס פון ווען עס ווערט באשאפן, איז ער א שור, און ער בלייבט א שור שפעטער אויך. עס האט זיך גארנישט געטוישט ביי אים, א קליינער שור א גרויסער שור, אבער א שור איז ער. א גוי, איז עָשׂוּ, ער איז פארטיג, אזוי איז ער באשאפן געווארן, און אזוי וועט ער בלייבן. יעקב איז 'עקב', יעקב ווערט געבוירען ביי די עקב, וואס דאס איז די נידריגסטע פלאץ פונעם מענטש, און ער ארבעט זיך אויס, א יאר נאך א יאר, ביז ער ווערט אויסגעארבעט. די יארן גייען אדורך, און מען איז געזעסן און געלערנט אין די ישיבה, נאך א פאר יאר קומט מען ארויס פונעם כולל, יעצט איז ער אויפגעבויט געווארן פאר א מענטש, צו זיין א עובד ה', יעצט האט ער שוין קונה געווען זיינע מדות. נאכדעם אין די עלטערע יארן, פירט מען זיך נאר מיט די מדות טובות וואס ער האט שוין קונה געווען פון די יוגענט. די יונגע יארן זענען געגעבן געווארן פאר א מענטש קונה צו זיין ביי זיך דעם שלימות. יעקב איז עקב, ער הייבט אן פונעם עקב, און ער גייט אלץ יעדעס יאר העכער און העכער, ביז ער ווערט פארטיג אינגאנצען.

**יעקב** ווען ער איז שוין דריי און זעכציג יאר אלט, און ער זיצט שוין אזויפיל יארן אין בית המדרש, יעצט איז ער שוין אויך א עָשׂוּ, ער איז שוין יעצט אויך פארטיג, ער איז שוין די זעלבע ווי עשו. עשו בלייבט נאר פארטיג אזוי ווי ער איז געווען יונג, אבער יעקב ווערט פארטיג נאכן הארעווען, דעמאלטס איז ער צוגעקומען צו זיין שלימות וואס ער דארף צוקומען. האט ער געזאגט פארן פאטער, אנכי עשו בכורך, יעצט בין איך אויך א עשו, איך בין שוין אויך עָשׂוּ, איך בין שוין אויך פערטיג אזוי ווי עשו איז געווען. עשו איז נאר געבליבן אזוי ווי ער איז באשאפן געווארן, דאס איז געווען זיין עָשׂוּ, אזוי ווי ער איז באשאפן געווארן אזוי בלייבט ער. אבער איך בין יעצט צוגעקומען צו דעם שלימות וואס עשו איז צוגעקומען אויף זיך בשעת ער איז געבוירען געווארן. דאס איז די חשיבות פון לימוד התורה וואס מען זיצט און מען לערנט, און מען דינט דעם אייבערשטן שטענדיג.

*

**מען** זעהט, ביי עשו שטייט, אז ער איז געווען 'איש' יודע ציד 'איש' שדה, עס שטייט צוויי מאל 'איש', אבער ויעקב 'איש' תם יושב אוהלים, מען זאגט נישט, ויעקב 'איש' תם 'איש' יושב אוהלים. פארוואס ביי יעקב שטייט איינמאל 'איש', און ביי עשו שטייט צוויי מאל 'איש'? שטייט אין די מפרשים, **אז א מענטש וואס האט זיך נישט אויסגעארבעט די מדות, איז נישט שטענדיג דער זעלבער מענטש. עס ווענדט זיך אין די חברים, עס פאסט אים נישט ער זאל נישט דאווענען ווי עס דארף צו זיין, עס פאסט אים נישט מען זאל זאגן אויף אים אז ער פירט זיך נישט אויף איידל, פרובירט ער זיך אהערצושטעלן דעם פנים, ער וויל אויסקוקן אזוי ווי מען דארף. אבער ווען ער איז נישט אין ישיבה, ווען ער דארף דאווענען פרייטאג, צו שבת, צו זונטאג צופרי, דעמאלטס איז זיין דאווענען אן אנדערע סארט דאווענען. עס איז נישט די זעלבע דאווענען, ווי ער דאווענט אין די ישיבה. ווען ער קומט אהיים, און ער דארף זיך אדורכקומען מיט די טאטע און מיט די מאמע, מיט די ברידער און די שוועסטער וכדומה, איז ער נישט אזוי דער וואוילער בחור ווי ער איז געווען אין ישיבה, ווען ער דארף זיך**

**אדורכקומען מיט די חברים. אין ישיבה איז ער א לעמעלע, און אין שטוב קען ער זיין אנדערש.**

**עשו** איז געווען אנדערש ווען ער איז געווען ביים טאטען אין שטוב, און אנדערש ווען ער איז געווען אינדרויסן. ווען ער איז געקומען צום פאטער אין שטוב, האט ער געזאגט, טאטע האיך מעשרין את המלח, האיך מעשרין את התבן, ער איז געווען א גאנצער למדן, ער האט זיך פארשטעלט, און ער האט זיך מפלפל געווען, דארף מען מעשר'ן, צו דארף מען נישט מעשר'ן, דאס איז געווען דער שמועס אין שטוב. איש יודע ציד, ער האט געוואוסט ווי אזוי מען קען נארן דעם טאטען. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פונעם טאטען, איז ער געווען א איש שדה, אזוי ווי א בהמה פון פעלד. אבער יעקב איש תם יושב אוהלים, ער איז דער זעלבער 'איש', 'תם', ער איז אייביג דער זעלבער, 'יושב אוהלים', אין וועלכן געצעלט ער זיצט, איז ער דער זעלבער יעקב, ער טוישט זיך גארנישט. א איד וואס זיצט און לערנט תורה, דארף אים די תורה אויסאיידלען, וואו ער געפינט זיך און וואו ער איז, איז ער אייביג דער זעלבער מענטש, די זעלבע ערליכקייט און איידלקייט וואס מען האט אין ישיבה, דארף מען האבן ווען מען גייט ארויס אינדרויסן. דאס איז די מדה פון יעקב, ער איז נישט קיין צוויי ערליי 'איש'. עשו איז א 'איש' יודע ציד, זיין פאטער קען ער נארן, און אינדרויסן איז ער א אנדערער סארט 'איש', א 'איש' שדה. אבער יעקב איז א 'איש' תם יושב אוהלים, יעקב איז איין סארט איש. און דאס דארף מען ארבעטן אויף זיך, צוצוקומען צו די מדריגה.

*

**ב"ה** מען זיצט אין די ישיבה מיט אזעלכע חשובע מגידי שיעורים וואס זענען משפיע. ב"ה דער קול גייט ארויס, ווי די בחורים זיצן און לערנען פלייסיג, מען גיט זיך אוועק פאר תורה, און מען דאווענט ווי עס דארף צו זיין. יעצט איז די צייט וואס מען דארף ארבעטן אויף די מדות, לערנען ספרי מוסר, לערנען חסידישע ספרים, אז מען זאל נישט זיין ווי עשו, וואס איז עָשׂוּ, ער איז שוין פארטיג אזוי ווי מען איז באשאפן געווארן. מען דארף אנהייבן ביי דעם עקב, אנהייבן ביי אונטען, און יעדן טאג זאל מען שפירן אז מען שטייגט. עס גייט אדורך נאך א זמן און נאך א זמן, איך האב שוין מתקן געווען די מדה, און די צווייטע מדה. עס איז דא אזויפיל מדות רעות אין דעם מענטש וואס מען דארף אויסארבעטן. יעדער פון אונז ווערט געבוירן מיט מדות רעות, קיינער ווערט נישט געבוירן מיט גוטע מדות, איינער מער, איינער ווייניגער, אבער יעדער האט אין זיך גיאות, יעדער איינער וויל האבן זיין כבוד, ער וויל האבן זיין רעספעקט, ער וויל זיין העכער פון א צווייטן. יעדער איינער האט אין זיך די מדה פון כעס, ווען מען טוט א זאך וואס עס געפעלט אים נישט, הייבט ער זיך אן צו רעגן. מיר אלע לעבן מיט קנאה, מען איז מקנא איינער דעם צווייטן מיט די מעלות וואס ער האט, פארוואס ער האט דאס נישט, וכדומה וכדומה.

**און** יעצט איז די צייט, טאמער מען ארבעט זיך נישט אויס די מדות יעצט יונגערהייט, בלייבט מען שפעטער א קאליקער זיין גאנץ לעבן. יעצט איז עס פון די קלייניקייטן, און שפעטער ווען מען דארף ארויסקומען אויף די וועלט, ווערט עס ערגער און ערגער. גליקליך איז דער וואס גיט יעצט אוועק זיין צייט, צו שטייגן אין תורה, תורה איידעלט אויס דעם מענטש. ארבעטן אויף די מדות, יעדע מדה וואס מען פילט אז מען האט א שוואכקייט דערין, קוקן דערויף אין ספרי מוסר, און בפועל ארבעטן אויף זיך אויסצורייסן פון זיך די מדה. דעמאלטס וואקסט מען אויס, ישראל אשר בך אתפאר.

*

**עס** איז ראש חודש, די גמרא (ברכות לח:) זאגט, אז רבי חייא בר אבא האט יעדן ראש חודש איבערגע'חזר'ט וואס ער האט געלערנט (ועיין בתוס' שם). וואס עס איז נוגע פאר בחורים, **ווען עס קומט סוף זמן וכדומה, שטעלט מען זיך אויף א פארהער אויף וואס מען האט געלערנט, און עס איז זייער שווער אז מען זאל שפעטער אנהייבן צו חזר'ן און איבערגיין אלעס פון אנהייב,**

**אבער אזויפיל דארף מען פרובירן, איך וויל איבערגיין יעדן ראש חודש זעהן צו איך קען אלעס וואס איך האב געלערנט אין די פיר וואכן.** איבערחזר'ן אלע שיעורים וואס מען האט געלערנט, עס איז נישט אזוי שווער איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט אין פיר וואכן. **יעדן ראש חודש דארף א בחור וויסן פאר זיך אליין, אז ער קען אלעס וואס מען האט געלערנט דעם חודש.** איך וועל איבערגיין פאר מיר די פאר בלעטער גמרא, און דעם שלחן ערוך, וואס מען האט געלערנט, אז עס זאל זיין ביי מיר מונח בקופסא. אז מען גייט אזוי אדורך יעדן חודש, אפילו ווען מען קען נישט איבערלערנען אלעס פון אנהייב, אבער נאכדעם ווען עס קומט צו חזרה, איז עס מונח בקופסה, עס ליגט ביי אים דאס לערנען וואס ער האט געלערנט, אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך זיצן באהלה של תורה, שבתי בבית ה' כל ימי חיי לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו, אויסוואקסן תלמידי חכמים יראי ה'. מען זאל האבן א פרייליכן און לוסטיגן חודש. דער חודש איז א גרויסער חודש, ימי חנוכה, ליכטיגע טעג, דארף מען אויסנוצן די צייט פון חנוכה, אפילו די סדרים פון די ישיבה איז נישט אזוי בשלימות אין די טעג, אבער צייט האט דער בחור די זעלבע חנוכה, און נאך מער, זיך אוועקצוגעבן מען זאל ליגן אין די ליכטיגקייט פון תורה. דער באשעפער זאל אונז באלייכטן אונזערע הערצער, והאר עינינו בתורתך ודבק לבינו במצותיך, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נכנסו הנהלת ארגון 'רפואה וחיים', עם ספר תורה חדש שנכתבה על ידם, **ורבינו שליט"א** כתב אות בהספר תורה, והאציל מברכותיו להנהלת הארגון.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קס"ח סעיף ו') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה הק' פארציילט, אז יצחק און רבקה האבן נישט געהאט קיין קינדער, און זיי האבן מתפלל געווען, ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו, ויעתר לו ה', ותהר רבקה אשתו, ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותאמר אם כן למה זה אנכי, ותלך לדרוש את ה' (כה-כב). רש"י זאגט, אז זי האט נישט געוואוסט, אז צער עיבור איז אזוי גרויס, ותאמר אם כן למה זה אנכי, אויב צער עיבור איז אזוי גרויס, פארוואס בין איך מתפלל אויף קינדער. די מפרשים שטעלן זיך, יעדע אשה ווייסט אז עס איז דא צער עיבור, און אפילו הכי וויל מען האבן קינדער, פארוואס האט זי געזאגט, למה זה אנכי.

**עס** קען אפשר זיין, מען קען זיך שטעלן אויף א קשיא, די גמרא (בבא בתרא קטז.) זאגט, אז ווען איינער האט א פראבלעם אין שטוב, ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים, זאל ער גיין צו א חכם, אז ער זאל בעטן אויף אים רחמים. דא איז דאך געווען א חכם, אברהם אבינו, און עס איז געווען שם ועבר, האט מען דאך געקענט גיין צו זיי, און זיך מזכיר זיין אז מען דארף א ברכה אויף קינדער, און זיי זאלן מתפלל זיין, און אנוואונטשען. שפעטער ווען זי האט געהאט א פראבלעם, ויתרוצצו הבנים בקרבה, האט זי געהאט דעם אדרעס, און זי איז געגאנגען צו שם ועבר, האט מען דאך געקענט גיין פאר דעם אויך. פארוואס איז נאר געווען ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו, פארוואס שטייט נישט אין פסוק, אז זיי זענען געגאנגען בעטן ביי די אבות, אז זיי זאלן מתפלל זיין.

**עס** קען זיין, עס שטייט אין **דרשות חתם סופר** (לז"ך אלול שנז:), אז אלקנה האט געהאט צוויי ווייבער, חנה און פנינה, און חנה האט נישט געהאט קיין קינדער, און זי איז געגאנגען מתפלל זיין, און עלי איז געזעסן דארט, און זי האט זיך געשטעלט דאווענען נעבן עלי, אני האשה הנצבת עמכה בזה (שמואל א א-כו). די

גמרא (ברכות לא:) דרש'נט דערפון, אז ווען איינער דאווענט, טאר מען נישט זיצן אין זיינע ד' אמות, און ווען זי האט זיך געשטעלט דאווענען, האט זיך עלי אויפגעשטעלט. הנצבת עמכה, ער איז געשטאנען צוזאמען מיט איר, ווען זי האט מתפלל געווען. עלי האט געזען אז זי רעדט אזוי שטיל, וקולה לא ישמע, ויחשבה עלי לשכורה, האט ער געטראכט אז זי איז א שכורה, און ער האט איר מוסר געזאגט. און זי האט געענטפערט, איך בין נישט קיין שכורה, אשה קשת רוח אנכי, איך בין צובראכן, און איך האב מתפלל געווען.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** א דבר נפלא, אז דאס וואס זי האט זיך געשטעלט דאווענען נעבן עלי, און זי האט מטריח געווען עלי אז ער זאל זיך אויפשטעלן, איז דאך לכאורה נישט מן הנימוס. א אידענע זאל זיך שטעלן דאווענען נעבן א כהן גדול, און ער וועט זיך דארפן מטריח זיין, און זיך אויפשטעלן. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז **עס איז א סגולה נפלאה, אז א תפלה זאל נתקבל ווערן, אז מען זאל דאווענען אין די ד' אמות פון א צדיק.** ער איז מקדש זיינע ד' אמות, און די תפלה ווערט אנגענומען. אזוי ווי זי איז געווען זייער צובראכן, און זי האט געוואלט אז איר תפלה זאל ווערן אנגענומען, האט זי זיך געשטעלט אין די ד' אמות, אפילו זי איז מטריח עלי, אז ער זאל זיך אויפשטעלן, האט זי אזוי געדאווענט.

**פאר** עלי איז אבער שווער געווען א קשיא. אויב איך בין א צדיק, און וועגן דעם שטעלסטו זיך דא דאווענען, פארוואס קומסטו זיך נישט מזכיר זיין צו מיר, אז דו דארפסט האבן קינדער, און איך זאל מתפלל זיין פאר דיר. איז א סימן אז דו ביסט מיך נישט מחשיב פאר א צדיק, אויב אזוי פארוואס שטעלסטו זיך דאווענען נעבן מיר. ויחשבה עלי לשכורה, דו ביסט נישט נארמאל, דו שטעלסט זיך דאווענען נעבן מיר, און דו ביסט מיר מחייב אויפצושטיין, אויב איך בין א צדיק, זיי דיך מזכיר ביי מיר. און אויב איך בין נישט א צדיק, פארוואס שטעלסטו זיך אין מיינע ד' אמות.

**זאגט** דער **חתם סופר**, [אז דער **חתם סופר** זאגט עס, קען מען עס נאכזאגן], אבער פון דעסטוועגן דאך האט זי נישט געוואלט זיך מזכיר זיין פאר עלי. ווייל עלי האט געהאט צוויי קינדער וואס זענען נישט געווען גערואטן, חפני און פנחס זענען נישט געווען הגונים. האט זי געזען אז עס איז ריע מזלא פון עלי, ער האט נישט אזא גוטן מזל, וואס עס איז נוגע צו קינדער. האט זי נישט געוואלט אז ער זאל איר אנוואונטשען קינדער, ווייל זי האט מורא געהאט, אז אירע קינדער וועלן נישט זיין גענוג ערליך, אזוי ווי עלי'ס קינדער. עלי איז דאך א צדיק, האט זי זיך געשטעלט דאווענען אין זיינע ד' אמות, אבער זי האט נישט געבעטן אז עלי זאל מתפלל זיין. אזוי שרייבט דער הייליגער **חתם סופר**.

**רבקה** האט געזען, אז אברהם האט צוויי קינדער, ישמעאל מיט יצחק. יצחק איז טאקע א צדיק, אבער ער האט אויך א קינד ישמעאל. און אז זי וועט זיך גיין מזכיר זיין פאר אברהם, אז ער זאל מתפלל זיין פאר איר, אפשר וועט זי אויך האבן א קינד וואס וועט נישט זיין ווי עס דארף צו זיין. עשרה דורות מנח עד אברהם, כולן זענען געווען מכעיסין ובאין (אבות ה-ב). שם און עבר זענען געווען פון די עשרה דורות צווישן נח און אברהם, זענען דאך די קינדער פון שם און עבר אויך נישט געווען קיין גרויסע לייט. האבן יצחק און רבקה מחליט געווען, אז זיי גייען נישט בעטן אז אברהם זאל מתפלל זיין, און נישט שם ועבר זאלן מתפלל זיין פאר זיי. זיי וועלן אליין מתפלל זיין פארן אייבערשטען, אז דער אייבערשטער זאל זיי געבן קינדער, און זיי זאלן זיין קינדער הגונים. וועגן דעם ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו.

**אזוי** ווי זי האט געווארט די קינדער, און ויתרוצצו הבנים בקרבה, ווען זי גייט אדורך על פתח עבודה זרה עשו מפרכס לצאת, איז דאך דאס קינד וואס איך האב, נישט קיין גרויסער צדיק. אויב אזוי, פארוואס האב איך אזויפיל געבעטן אליין אויף קינדער, אזא קינד האב איך געקענט האבן גרינגערהייט, ווען איך וועל גיין

צו אברהם אבינו און צו שם ועבר זיך מזכיר זיין, וואלט איך אויך געקענט האבן אזא קינד. 'ותאמר אם כן', אז איך האב אזא קינד, 'למה זה אנכי', פארוואס האב איך אליין געדארפט דאווענען. פאר אזא קינד דארף איך דאך נישט אליין מפציר זיין בתפלה, דאס וואלט איך געקענט האבן אסאך גרינגער, דורך די תפלות פון אברהם און פון שם ועבר. איך בין דאך וועגן דעם נישט געגאנגען צו זיי, ווייל איך האב געוואלט האבן א הייליג קינד, און אז ער איז מפרכס לצאת לעבודה זרה, למה זה אנכי, פארוואס האב איך אליין מתפלל געווען.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **מנחם בצלאל גאטעסמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **וואלף לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת ויצא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **ישראל וויינגארטן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **צבי מאיר כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ישראל לאנדא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד שמואל מערץ** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן ש"ב הרב **צבי אלימלך פיש** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בת הרב **הלל ליכטענשטיין** שליט"א, שהתקיים באולם שמח תשמח.

אחר התנאים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **ישראל וויינגארטען** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי חיים מאיר ארנסטר שליט"א** רב דביהמ"ד ישועות משה ויזניץ מאנטשעסטער, עב"ג בת **הרה"ג רבי אהרן שמעון טויב שליט"א** רב דביהמ"ד קאלוב ב"פ, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

*

***<u>יום שלישי פרשת ויצא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מפינסק קארלין שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** ווען דער **סאטמארער רב** איז געקומען דא קיין אמעריקא, האט ער מקדש געווען דעם אויר. מען זעהט ווי עס איז נמשך געווארן נאכדעם אזויפיל מוסדות התורה.
**רבינו:** מען האט נישט געהאט קיין השגה, אז נאך אזא מלחמה וואס איז געווען, וועט זיך אזוי שיין אויסשטעלן דאס יודישקייט.
**האדמו"ר מפינסק קארלין:** דא אויף דעם פלאץ איז דאך פאר די מלחמה געווען רחמנא ליצלן, מען האט זיך נישט געקענט האלטן.
**רבינו:** דא איז דער סדר, אז זומער פארט מען ארויס אין די קעמפ. און דער וואס האט אנגעפירט די סאטמארער קעמפ האט געהייסען רבי יודל ראזענבערג, ער איז געווען א אדם חשוב מאוד. האט ער מיר געזאגט, אז נאך דריי פיר יאר וואס עס איז געווען די קעמפ, האט אים דער גוי וואס האט געוואוינט נעבן דעם געזאגט, אז מען דערקענט אויף די קינדער פון יאר צו יאר, אז זיי ווערן בעסער און איידלער. האט ער עס

איבערגעזאגט פארן **סאטמארער רב**, אז זעהט אויס, אז מען לייגט אריין ארבעט אין די קינדער. האט דער **סאטמארער רב** געזאגט, ניין, מען האט שוין מקדש געווען דעם אויר דא אויך. עס האדעוועז זיך שוין אנדערע קינדער פון אמאל.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** עס איז דא אזויפיל בתי מדרשים און מוסדות התורה, וואו מען גייט אריין, פארמיטאג לערנט מען, און ביינאכט לערנט מען. דער **פראנקפורטער** (הגה"צ רבי ישראל מסטולין זצ"ל) האט געזאגט נאך פאר הונדערט יאר צוריק, אז די גמרא (ר"ה לא.) זאגט, אז עשרה מסעות נסעה שכינה, וכנגדן גלתה סנהדרין. האט ער זיך אנגערופן, אז יעצט גייט די תורה אין גלות קיין אמעריקא.

**רבינו:** זעהט אויס אז דאס איז שוין דער גלות האחרון, עס איז שוין נישט דא וואו צו גיין פון דא. יודען האבן שוין איבעראל מתקן געווען אלע מקומות.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** מען זעהט אז עס איז דא אזויפיל ארציות אין אמעריקא. עמא ריקא, די וועלט זאגט, אז עס מיינט אמעריקא. מען זאגט נאך פונעם **בעל התניא**, אז דא איז נישט געווען די מתן תורה בשלימות (עיין **במאמרי אדמו"ר הזקן** שנת תקס"ב עמוד תע"ו, **ובאגרות מהרש"ב** ח"א עמוד קסא, **ובאגרות מהריי"צ** ח"ב עמוד רלא).

**רבינו:** עס איז דאך געווען נשמע קולו מסוף העולם ועד סופו (זבחים קטז.). די גמרא (שם) זאגט, אז עס איז דא א מאן דאמר, אז יתרו איז געקומען מיט אשת משה ושני בניה, לאחר מתן תורה. קומט אויס, אז גאנץ כלל ישראל איז געווען ביי מתן תורה, און די צוויי קינדער פון משה רבינו האבן זיך נישט געפונען ביים בארג סיני, און זיי האבן נישט געהערט מפי ה' אנכי ה' אלקיך? מען זעהט טאקע אז די קינדער פון משה רבינו האבן נישט איבערגענומען, אבער מען קען דאך אויך נישט זאגן, אז זיי האבן נישט געהערט פונעם אייבערשטען אנכי ה' אלקיך. אבער אז מען האט געהערט מתן תורה מסוף העולם ועד סופו, איז וואו זיי זענען געשטאנען, האבן זיי געהערט אנכי ה' אלקיך. אבער אזוי ווי זיי האבן עס נישט געזעהן, האבן זיי נישט געהאט דעם כח אז זיי זאלן קענען זיין ווייטער די מנהיגים ביי יודען.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** עס איז דא א זוהר (ח"ב סט:), אז דער רבונו של עולם האט געזאגט פאר משה רבינו, של נעליך מעל רגליך (שמות ג-ה), האט ער זיך אויסגעטון עד כדי כך אז די קינדער זענען נישט מיוחס אחריו. ווייל אין די תורה זעהט מען דאך אז עס שטייט ואת שני 'בניה' (שמות יח-ג), און עס שטייט נישט אז עס איז געווען 'בניו'. איז טייטש אז ער איז אזוי ארויסגעגאנגען פון די וועלט, אז זיינע קינדער ווערן נישט נתייחס נאך אים. כאטש עס שטייט אין מדרש (במדב"ר יט-ד) אז משה רבינו האט געטראפן דעם רבונו של עולם עוסק זיין אין פרשת פרה אדומה, און ער האט נאכגעזאגט א הלכה פון רבי מאיר, האט ער געבעטן אז ער זאל זיין פון זיינע קינדער.

**רבינו:** מען זעהט דאך אויך אז ער האט געבעטן, יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה (במדבר כז-טז), און רש"י ברענגט א מדרש (תנחומא יא), אז משה רבינו האט געזאגט, הגיע השעה שאתבע צרכי, שירשו בני את גדולתי. א שטיקל התקשרות בלייבט אפילו הכי.

**רבינו שליט"א כיבדו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים, דער באשעפער זאל העלפן, אז מען זאל קענען אויפטון, להגדיל תורה ולהאדירה, און מען זאל מצליח זיין אין וואס מען איז געקומען.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זיין געזונט און שטארק, און מרבה זיין גבולו בתלמידים, מיט נחת פון די קינדער און קינד'ס קינדער, מיט פול השפעות. און אזוי ווי דער רב האט פריער דערמאנט, אז עס איז שוין דער לעצטער גלות, מען זאל קענען אקעגן גיין משיח צדקנו.

**רבינו:** מען איז דאך שטענדיג מתפלל דערויף, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.

**א' הגבאים:** דעם רבי'נס טאטע (הגה"צ רבי אהרן ראזענפעלד זצ"ל), איז געווען ביים רב, אכצן יאר צוריק.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** ער איז געווען איין מאל אין אמעריקא, און אפאר חדשים שפעטער איז ער נסתלק געווארן.

**רבינו:** איך האב אים מספיד געווען ז' אדר, ווען עס איז דא ביי אונז א הספד אויף אלע גדולי

ישראל. ער איז געווען א אדם חשוב מאוד, א פארצייטישער יוד (עיין **בשמן ראש** ז' אדר ח"א דף קמז). ווי אלט איז ער געווען?

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** פינף און זיבעציג.

**רבינו:** היינט הייסט עס א יונגער מענטש.

**האדמו"ר מפינסק קארלין:** דער **אור החיים הק'** (פ' ויחי ד"ה ויקרבו) זאגט, פארוואס האט מען פאר די צייטן פון נח געלעבט אזויפיל יארן, זאגט ער דארט א משל מיט א כתר. זעהט אויס, אז פאר ביאת המשיח מוז מען האבן נאך אפאר יאר.

**רבינו:** שמחנו כימות עניתנו (תהלים צ-טו). מען האט אונז איבערגעגעבן די לעבנס פון די עלטערן, און פון די זיידעס, פונעם פריערדיגן דור.

**רבינו שליט"א נתן לו ספר שמן ראש ונפרדו לשלום**

*

***יום רביעי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **זושא פריעד** הי"ו (חתן הרה"ג רבי בנימין פאפלאנאש שליט"א). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **פנחס גלויבער** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **יצחק אייזיק מעזעי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה התקיים בבית **רבינו שליט"א** לחיים לרגל האירוסין של החתן **אהרן מרדכי** ני"ו, בן הר"ר **ישעי' ליכטמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב דוד ווייס** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **אפרים צבי ראזענבערג** שליט"א דומ"ץ דביהמ"ד צמח צדיק וויזניץ וומסב"ג, עב"ג בן הרב **יהודה יואל ראזענבערג** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **יצחק אייזיק מעזעי** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת ויצא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת אויש ע"ה (אלמנת הר"ר גבריאל אויש ע"ה).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** די מאמע איז געווען זייער געטריי פארן טאטן ע"ה.

**רבינו:** ווער איז זי געווען פון דער היים.

**א' האבלים:** זי איז געווען א טאכטער פון **רבי צבי יעקב אברהאם זצ"ל**, דער **טורדא רב**.

**רבינו:** ער איז געווען א חשוב'ער יוד.

**א' האבלים:** ער איז געווען א איידעם ביי **רבי בנציון וועזעל זצ"ל** (אב"ד טורדא).

**רבינו:** רבי בנציון האט געפירט די קאנצעליי פון די רבנים אין רומעניא.

**א' האבלים:** די סיבה פארוואס ער איז געווארן דער נשיא פון די קאנצעליי איז, ווייל דער **סאטמארער רב** האט זיך געוואלט אפטיילען. און דאס איז געווען די פשרה, אז אויב ער ווערט דער נשיא, דעמאלטס בלייבט ער אינווייניג.

איך האב געזען אין א ספר, אז **רבי בנציון וועזעל** איז געווען פאר דעם רב אין בראשוב, עס איז געווען א גרויסע קהלה, און זיין טאטע איז געווען רב אין טורדא דריי און דרייציג יאר, און ווען ער איז נפטר געווארן האט בראשוב נישט געוואלט אויפגעבן זייער רב, אבער ער האט געזעהן, אז אויב ער וועט נישט גיין קיין טורדא, וועט די קהלה צוזאמפאלן, ווייל זיי האבן נישט געטראפן א רב. איז ער מפני כבוד אביו אריבערגעגאנגען קיין טורדא, אפילו בראשוב

איז געווען סאך א גרעסערע שטאט. דאס איז געווען תרס"ב. דער **דעעשער רבי, רבי משה פאנעט זצ"ל, האט אים אויך אזוי מייעץ געווען.**

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם זיידען רבי צבי יעקב, אז ער האט ארגאניזירט אמאל א נסיעה פון אייראפע קיין ארץ ישראל. די קינדער פונעם **אהבת ישראל** זענען דעמאלטס געפארן קיין ארץ ישראל, און **מיין טאטע ז"ל** איז אויך מיטגעפארן מיט די גרופע, צוזאמען מיטן זיידען דער **שאמלוי'ער רב**. דאס איז געווען תרצ"ה. און ער האט מיר געזאגט, אז דער **שאמלוי'ער רב** פלעגט אים אסאך מאל נאכדעם צו פרעגן, ווען ער מאכט נאכאמאל אזא גרופע צו פארן קיין ארץ ישראל, ווייל ער וויל פארן נאכאמאל (עיין בתולדות של **הגה"ק משאמלויא זצ"ל** (בריש ספר **אבן שלמה** על התורה עמוד לג), שחשק מאוד לבקר פעם שלישית בארץ ישראל, כדי שיוכל להיות נוכח ליד הכותל המערבי בזמן הקרבת הפסח, ואף הכין לו כבר כל צרכי הנסיעה. אך לאחר הפצרת בני ביתו ובני העיר שהתחננו אליו שיחוס על עצמו ועליהם, ולא יסתכן בנסיעה בלב ים, באשר הוא כבר זקן שהגיע לגבורות, נעתר לבקשתם, וביטל רצונו מפני רצונם). שפעטער איז געווארן די קריג, איז שוין גארנישט געווארן.

**א' האבלים:** דער זיידע **רבי צבי יעקב** שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר (**בית אולפנא**), אז דער **שאמלוי'ער רב** האט געזאגט ביי די לויה פון **רבי בנציון וועזעל**, אז די אבידה פארן דור, איז גרעסער ווי דער אבידה פונעם **נודע ביהודא** בזמנו (כי אז עוד נשארו גאונים וצדיקים מגיני ארץ, אבל בדור יתום כזה מי יהיה המנהיג אחריו. תוכן ההספד נדפס **בדרשות לחם שלמה** אות קלה).

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>יום שישי פרשת ויצא</u>***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם ברילל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (קמט-ו) רוממות א-ל בגרונם, יודען טוען לויבן און דערהייבן דעם אייבערשטען מיט זייער האלז, וחרב פיפיות בידם, שטייט אין מדרש, אז עס גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, יודען מל'ן די קינדער מיט א חרב פיפיות. די שארף פון א מעסער ווערט אנגערופען 'פי', און דאס איז 'פיפיות', עס איז שארף פוןביידע זייטן, וועגן דעם רופט מען עס אן חרב פיפיות. מען ווייסט אז א מוהל מעסער איז שארף פון ביידע זייטן, דער פשוט'ער טעם איז, כדי עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול, אז וועלכע זייט דער מוהל וועט נעמען די מעסער, זאל ער קענען שניידן, אבער ביי יעדע זאך איז אויך דא א ענין דערין (עיין **בדרך פיקודיך** מצות מילה). - און וואס איז דער קשר רוממות א-ל בגרונם, מיט וחרב פיפיות בידם.

**מען** ווייסט אז מען קען נישט זוכה זיין צו האבן א השגה אין תורה, נאר דורכדעם וואס מען מל'ט זיך קודם. קדושת המילה דאס ברענגט א קדושה אויפן מענטש, אז מען זאל קענען האבן א השגה אין תורה. עס שטייט אין **בעלי תוספות** (פ' משפטים), אז א גר האט זיך מגייר געווען ווייל ער האט געוואלט קענען די תורה. און דער מלך האט אים געפרעגט, אז וועגן דעם האסטו זיך נאכנישט געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, מגיד דבריו ליעקב, חוקיו ומשפטיו לישראל, לא עשה כן לכל גוי, ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), 'מגיד דבריו', דער אייבערשטער גיט נאר זיין תורה, 'ליעקב', פאר איינער וואס איז געמל'ט אזוי ווי יעקב. 'לא עשה כן לכל גוי', ווילאנג מען איז נישט געמל'ט, 'ומשפטים בל ידעום', קען מען נישט קענען קיין תורה.

**פארוואס** קען מען נישט קענען קיין תורה, ווילאנג מען איז נישט גע'מל'ט? ווייל מילה איז נישט נאר אז מען מל'ט דעם גוף, דעם ערלת בשר, נאר עס איז דא אין די תורה נאך א מילה, ומלתם את ערלת לבבכם (דברים י-טז). און די צוויי מילות זענען מכוון איינס אקעגן דעם אנדערן, ווען א יוד מל'ט זיך דעם גוף, ווערט דער ערלת הלב אויך געמל'ט. און אז מען נעמט אראפ די ערלה פונעם לב, ווערט די הארץ אפען, און מען האט א השגה אין די תורה. איז ווען דעם ווילאנג מען מל'ט זיך נישט, מען האט נישט אראפגענומען די ערלת בשר, קען מען נישט צוקומען אז מען זאל פארשטיין תורה, ווייל די ערלת הלב טוט פארמאכן, אז מען זאל נישט קענען פארשטיין וואס מען לערנט.

**קומט** אויס אז יעדע מילה האט אין זיך, סיי אז מען מל'ט דעם גוף, און סיי אז מען מל'ט מיט דעם די הארץ, כדי עס זאל זיין אפען צו א השגה אין תורה. מילה באטרעפט פינף און אכציג, דאס איז פ"ה. און אז עס איז דא צוויי מאל מילה, עס איז מילה פונעם ערלת הלב, און עס איז מילה פונעם ערלת הבשר, איז עס צוויי מאל 'פה'. זאגט דער פסוק, 'רוממות א-ל בגרונם', יודען קענען דערהייבן דעם אייבערשטען מיט זייער האלז, ווען זיי לערנען תורה, ווייל 'וחרב פיפיות בידם', בשעת מען נעמט די מעסער צו מל'ן, איז עס צוויי פיות. עס איז נישט נאר א מילה פונעם גוף, נאר עס איז אויך א מילה פונעם הארץ. און אז מען מל'ט דאס הארץ, איז די הארץ אפען צו קענען מקבל זיין די תורה, וטהר לבנו לעבדך באמת.

*

***שבת קודש פרשת ויצא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרב רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א**. אחר הבאטע השתתף **רבינו שליט"א** אצל עריכת השלחן של **כ"ק האדמו"ר מפינסק קארלין שליט"א**, בבית המדרש ספינקא.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **משה ארי** (ב"ר בערל) **לעפקאוויטש** הי"ו, והתקיים הבאווארפן של בן הר"ר **פנחס דוד בראדי** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הבאווארפן של בן הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש צעהלים.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמואל דוד ליכטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.